הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (תולדות)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וזהו שני גויים |
| שני | וזהו שאמרו רבותינו |
| שלישי | ויתן לך האלקים |
| רביעי | אך דנודע שתענוג |
| חמישי | שעל כן הדעת הוא<br>עד ד"ה ונודע שהדעת |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת לך תשפ"ה / גליון ק"י

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
מאנטאג נאכט הבעל"ט
א כינוס אויפן טעלעפאן
מיט חשובי המשפיעים שליט"א
לרגל א יאר פון אנהויבן ספה"ק 'מאור עינים'

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# נקודה טובה

**די פינטעלע גוטס וואס דו טרעפסט ביי דיר, איז פשוט אן אויסדרוק פונעם 'חלק אלוק ממעל' וואס ליגט אין דיר. דעריבער איז דיין עיקר אויפגאבע, צו נעמען אט דאס ביסל, און עס אויפבויען**

יעדער גוטער בחור אין ישיבה ווייסט שוין, אז פון געצל דארף מען שטיין ווייט, ווייל ער איז א 'חוטא ומחטיא'. איין טאג איז דאס געשען, אנפאנג זמן איז דאס געווען, ווייזט אויס אז די השפעה פון די הייליגע טעג איז אריינגעדרינגען אין אים. געצל'ס הארץ האט זיך געגעבן א צופלאקער: "געוואלד, איך וויל זיין אן ערליכער איד! איך טוה תשובה יעצט!".

געצל נעמט ארויס א ליידיגן צעטל מיט א פעדער, און ער הייבט אָן מאכן א שטיקל חשבון הנפש אין וואספארא נקודות ער דארף זיך אלץ נעמען, אבער עס ווערט אים שווארץ פאר די אויגן: "וואו הייב איך דא אָן?! זאל איך אנהייבן צו דאווענען ווי א איד, אדער לערנען פלייסיג? זאל איך זיך נעמען ארבעטן אויף 'קדושה' אדער אויף גוטע 'מדות'? קודם זיך נעמען צו 'שמירת הלשון' אדער קודם צו 'שמירת עינים'? זאל איך אנהייבן קודם ארבעטן אויף 'אמונה' אדער אויף אהבת ה'? און אפשר איז גאר די ערשטע זאך 'יראת שמים'?!".

נישט וויסנדיג וואו זיך אהינצוטון, גייט ער צו צום ראש החבורה ר' אייזיק, און ער פרעגט אים: "וואס טוה איך דא? איך דערזעה זיך אין אזא מצב וואס 'מכף רגל ועד ראשי אין בי מתום', און איך ווייס נישט וויאזוי מען נעמט זיך און פון וואו מען הייבט אָן?!".

"איך פארשטיי דיר נישט" איבערראשט אים ר' אייזיק מיט א מאדנע שאלה, "ווער האט דיר איינגערעדט, אז דו זאלסט אנהייבן צו ארבעטן אויף וואס דו האסט נישט? פארוואס גייסטו באלד צו די פראבלעמען און חסרונות?".

געצל פארשטייט נישט: "נאר וואס דען זאל איך טון? איך וויל זיך דאך פאררעכטן און ווערן אן ערליכער איד?". אבער ר' אייזיק ווייסט וואוהין ער צילט: "אויב דו ווילסט עכט ווערן אן ערליכער איד, איז מיין שאלה באמת שווער! דו דארפסט אנהייבן צו ארבעטן אויף דיינע גוטע זאכן! דו דארפסט ערשט באמערקן די אלע פלעצער וואו דו האסט יא א שייכות מיטן אויבערשטן, באמערק נאך א נקודה און נאך א ווינקל וואו דו ביסט יא גוט און יא צוגעבינדן צום אויבערשטן! אט דאס וועט דיר ארייננבלאזן 'חיזוק' און 'חיות' אין אידישקייט, און פון דארט וועסטו שוין לייכטער קענען אויסברייטערן דיין אידישקייט און אנקומען צו דיין גאנצע ליסטע!".

געצל איז אינגאנצן צומישט פון אזא אומדערהערטע צוגאנג, אומווילנדיג גיבט זיך א כאַפּ ארויס פון זיין מויל א 'פליטת פה': "וואס? דער משפיע איז שוין אויך געווארן א פסיכאלאג? איר פּאָכעט שוין אויך מיט די אויסגעדראשענע לאזונגען פון 'נאר פאזיטיוו'?".

"לאמיר גיין עפענען א חסיד'יש ספר", שמייכלט ר' אייזיק, "און לאמיר זען פון וואנעט עס קומען צו מיר די אלע דיבורים וועלכע דו רופסט אָן 'לאזונגען'. ווייל וויאזוי 'מיר' רעדן עס איז עס בעצם איינע פון די יסודות אין חסידות".

## בלויז דאס אויסדערוועלט פאלק

ר' אייזיק האט ארויסגענומען א שפת אמת, אויפגעמישט צו פרשת לך לך (תרל"ה) און געלערנט צוזאמען מיט געצל פון אינעווייניג:

**"אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָיָה חָפֵץ מְאוֹד לְהַטּוֹת כָּל הַבְּרוּאִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אָמַר לוֹ: 'לֶךְ לְךָ כוּ' וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל כוּ' וַאֲבָרְכָה מְבָרֲכֶיךָ כוּ'". וְאַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָיָה סוֹבֵר כִּי נָכוֹן יוֹתֵר לִהְיוֹת כָּל הָעוֹלָם מְיֻחָדִין אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְלֹא יִהְיוּ מִתְנַגְּדִים כְּלָל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶרְאָה לוֹ כִּי נָכוֹן יוֹתֵר לִהְיוֹת אֻמָּה נִבְחֶרֶת לוֹ יִתְבָּרַךְ עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב, וְיִהְיוּ מְבָרְכִים וּמְקַלְּלִים, וְהָאֻמָּה הַבְּחוּרָה יִגְבְּרוּ הַכֹּל"**.

דער מענטשליכער שכל זאגט: "זאל די גאנצע וועלט זיין אידיש'ליך! יעדער גוי זאל לעבן מיט א דביקות אינעם אויבערשטן!". אבער דער אויבערשטער זאגט אנדערש: "איך דארף בכלל נישט די גוים, איך דארף בלויז מיינע קינדער! און דעריבער האב איך דירעקט באשאפן א וועלט אין א פארעם פון 'פירוד', גוים וועלכע שטעלן זיך ארויס קעגן דעם אויבערשטן און זיינע קינדער, ווייל דוקא אט דער 'קעגנערשאפט' - העלפט ארויסברענגען שטארקער, ווי ווייט מיינע קינדער זענען באהאפטן צו מיר, אז זיי קוקן נישט אויף גארנישט, זיי קומען איבער די גאנצע וועלט, און זענען זיך מדבק אין מיר!".

**"וְזֶה עַצְמוֹ עִנְיַן הַ'בִּירָה דוֹלֶקֶת', שֶׁשֵּׂכֶל הַפָּשׁוּט מוֹרֶה שֶׁאֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ קִיּוּם, וְלָכֵן הָיָה סָבוּר אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁיֵּשׁ לְהַטּוֹת כָּל הַנִּבְרָאִים וְכָל הַחִיצוֹנִיּוֹת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִפְסַד שׁוּם בְּרִיָּה"**. דער מענטשליכער שכל זאגט: יעדע זאך וואס איז דא אויף דער וועלט, דארף מען נוצן און טרעפן א וועג וויאזוי הנאה צו האבן דערפון. אבער דער אויבערשטער זאגט: ניין! איך - וועלכער האט אלעס באשאפן - זאגט דיר, אז נישט אלעס דארפסטו נוצן. **"וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶרְאָהוּ כִּי 'אֲנִי בַּעַל הַבִּירָה', וְכָךְ רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁבָּרָא כַּמָּה דְּבָרִים שֶׁכָּל קִיּוּמָם הוּא הַבִּטּוּל שֶׁיְּבַטֵּל אוֹתָם הָאָדָם, וְיִתְרַחֵק מֵהֶם. וְזֶהוּ 'לֶךְ לְךָ כוּ' - וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ כוּ' כִּי הוּא אֲדוֹנַיִךְ' - שֶׁמִּזֶּה יֵשׁ הַכָּרַת מַלְכוּת שָׁמַיִם, שֶׁיֵּשׁ חִצוֹנִיּוֹת וְהָאָדָם מַרְחִיק עַצְמוֹ מִמֶּנּוּ. וְכֵן בִּבְחִינַת הַדְּבֵקוּת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אִי אֶפְשָׁר בְּאֹפֶן אַחֵר, רַק שֶׁיִּהְיֶה אֻמָּה נִבְחֶרֶת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְעַל יְדֵי כֵן מִי שֶׁיִּרְצֶה יוּכַל לְהִתְבַּטֵּל לְאֻמָּה זוֹ גַּם כֵּן"**.

"דאס הייסט" - פירט אויס ר' אייזיק - "ווען דו קוקסט אָן דיינע געמיינע געוואוינהייטן און מדות מיט א שלעכטן בליק, און דו טראכסט: "פארוואס האב איך דאס?! איך וויל האבן בלויז גוטע מדות!" - קוקסטו דעמאלט מיט א מענטשליכן בליק! ווייל דעם אויבערשטנ'ס בליק איז אנדערש, דער אויבערשטער זאגט צו אברהם אבינו: איך האב נישט באשאפן די בריאה כדי אז אלץ זאל זיין דבוק צו מיר, ניין! איך האב באשאפן די בריאה אויף א צורה וואס בלויז איין פאלק איז דבוק אין מיר, און איר דביקות ווערט 'נתגלה', דורכדעם וואס אלע אנדערע חיצוניות'דיגע

**ווער האט דיר איינגערעדט, אז דו זאלסט אנהייבן צו ארבעטן אויף וואס דו האסט נישט? דו דארפסט אנהייבן צו ארבעטן אויף דיינע גוטע זאכן!**

נבראים זענען זיך מבטל צו איר".

אזוי אויך כלפי דיר פערזענליך: דער אויבערשטער האט בדוקא דיר נישט באשאפן ווי א 'מושלם', ער האט דיר דירעקט באשאפן אויף א צוריסענעם אופן... פון איין זייט האט ער דיר אריינגעגעבן א 'חלק אלוק ממעל ממש', און פון צווייטן זייט האסטו אזויפיל זאכן וועלכע פאַסן זיך נישט צו דיין נשמה. אט דאס אלעס טראגט איין ציל: דורכדעם וואס דו וועסט שטיין ווייט פון די געמיינע חלקים אין דיר - וועט ארויסשטאַרן און אויפשיינען די ליכטיגקייט פונעם 'חלק אלוק ממעל'! דאס הייסט, אז דער ציל איז נישט אוועקצונעמען די פראבלעמען, נאר ארויסצוברענגען דעם 'חלק אלוק ממעל', וועלכע קומט ארויס דוקא דורכן אוועקשטיין פון די פראבלעמען!

## לעב נשמה'דיג

דאס איז אלעס געווען בלויז די הקדמה אנצוקומען צום יסוד וועלכע איז אונז נוגע - וואס דאס ליגט באהאלטן אין די קורצע ווערטער פונעם 'שפת אמת': **"וְהוּא כְּלָל גָּדוֹל גַּם בִּפְרָט כָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת בְּפַעַם אֶחָד כָּרָאוּי, רַק עַל**

המשך אין עמוד ב

# גן עדן העליון

## וואס מיינט דער ווארט פון צדיקים אז 'שבת פארן דאווענען' איז ווי 'גן עדן עליון'? ♦ און וויאזוי פארזוכט מען דעם זיסן טעם?

**משפיע:** וואס הערט זיך, אברהם יצחק? וויאזוי האט זיך געפראוועט דער שבת ביינאכט מיט אידן צוזאמען?

**אברהם יצחק:** ברוך ה', זייער דערהויבן. אזויווי מיר האבן גערעדט, ס'האט איבערגעלאזט א רושם אויפן גאנצן שבת. למשל, שבת צופרי בין איך אויפגעשטאנען פריער ווי געווענליך, צוליב דעם גרויסן חשק וואס כ'האב באקומען ביים 'שבת אחים'.

**משפיע:** כ'האב שטארק הנאה צו הערן, ברוך ה'! ווייל כ'האב פונקט געפלאנט צו רעדן פון דעם נושא: אויפשטיין שבת צופרי צו לערנען פארן דאווענען, וואס ביי חסידים פארנעמט עס א גרויסע פלאץ.

**אברהם יצחק:** כ'מיין אז די צוויי זאכן האבן א קשר, אז אויב שבת ביינאכט איז ווי ס'דארף צו זיין און מ'לייגט זיך מיט א העכערקייט ברענגט עס אז אויך דאס אויפשטיין איז מיט א העכערקייט.

> **ס'איז דא געוויסע סודות'דיגע 'דיבורים' וואס נאר די נשמה קען דעמאלטס הערן, און השי"ת וויל אז דער מענטש זאל האבן שכל עס אויפצוזוכן**

**משפיע:** אוודאי, ס'איז גרינגער אויפצוּוואכן א 'שבת'דיגער בחור'... ס'איז באקאנט, אז דווקא די וואס טוען אין די עבודה פון ליל שבת מיטן גאנצן ברען - זעט מען שפעטער שבת פארטאגס אין בית המדרש מיטן זעלבן ברען... ס'האט א שטארקע שייכות.

**אברהם יצחק:** אבער פון די צווייטע זייט, ס'איז נישט אזוי גרינג אויפצושטיין פרי, איבערהויפט ווען מ'לייגט זיך שפעט...

**משפיע:** גערעכט, ס'איז טאקע שווער, אבער כ'מיין אז מ'קען זאגן אז איינער וואס פארזוכט דעם זיסן טעם פון 'שבת פארן דאווענען', קומט אים אן גרינג אויפצוטוישן דעם טעם פון שלאפן צו באקומען דעם בעסערן טעם...

**אברהם יצחק:** אה, דאס האב איך געוואלט פארשטיין. שוין יארן וואס כ'הער איבערזאגן דעם ווארט פונעם הייליגן 'בית אהרן', אז לערנען שבת פארן דאווענען איז בחינת גן עדן העליון, און אויך דער רבי שליט"א איז כסדר מעורר דערויף. איך שטיי טאקע אויף געגוג פרי צו לערנען פארן דאווענען, אבער כ'קען נאכנישט זאגן אז איך שפיר שוין דעם 'מורא'דיגן' טעם...

**משפיע:** אויב אזוי לאמיר זיך כאטש מתבונן זיין דערין, ווייל מסביר זיין דעם טעם קען מען דאך נישט, מ'דארף עס אליינס שפירן, אבער לפחות לאמיר וויסן די חשיבות און משמעות פון דעם מורא'דיגן זמן.

**אברהם יצחק:** איך באמערק אז דער משפיע רעדט כסדר פון 'שבת פארן דאווענען', אבער כ'בין געוואוינט צו הערן בלויז איבער 'לערנען' פארן דאווענען, נישט די 'זמן' אליינס.

**משפיע:** ביזט ריכטיג מדייק... ווייל ס'איז טאקע אזוי אז די עצם 'שבת פארן דאווענען' איז א מורא'דיגע זמן מסוגל און האט א קדושה יתירה. פארשטייט זיך אז ס'דריקט זיך אויס ביי אונז מיטן לערנען תורה הק' אין דעם זמן, אבער יעצט וויל איך רעדן אויף די עצם הארה וואס מ'קען שפירן אין דעם זמן, לאו דווקא דעם זיסן טעם פון דעמאלטס 'לערנען'. ס'איז א זמן ווען מ'קען האבן א ספעציעלע חיבור און געפיל אין קדושת השבת, און מ'קען זיך מורא'דיג דערהייבן.

**אברהם יצחק:** ס'הערט זיך אינטערעסאנט. וואס טאקע איז ספעציעל אין דעם זמן?

## א באהאלטענע אוצר

**משפיע:** לאמיר צוערשט נאכזאגן די הגדרה וואס דער רבי שליט"א נוצט בנוגע דעם זמן. דער רבי דערציילט די באקאנטע מעשה, אז ווען דער הייליגער רבי ר' מענדל פון וויטעבסק זי"ע איז געפארן קיין ארץ ישראל האט ער באזוכט מערערע צדיקי הדור זיך צו געזעגענען. צווישן אנדערע איז ער געפארן קיין פולנאה צום הייליגן 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע, און ער האט זיך דארט געפירט מיט זיין שטייגער פון גינוני מלכות. זיינע מקורבים האבן מורא געהאט פון די הקפדה פונעם 'תולדות', אבער ווען זיי האבן זיך אפגעזעגנט האט זיך דער 'תולדות' אנגערופן: ווען א קעניג זוכט א פלאץ וואו צו באהאלטן זייער א ווערדפולע דימאנט, טוט ער צומאל עס אויסבאהאלטן דווקא אין די מיסט, וויבאלד קיינעם וועט נישט איינפאלן אז ס'געפינט זיך דארט אזא טייערע זאך. אזוי אויך רבי מענדעלע'ס מידה פון ענוה איז אזוי גרויס, באהאלט ער עס אין א הנהגה פון גאות!

דער רבי שליט"א האט דאס צוגעשטעלט אלס א הגדרה אויף די הייליגע זמן פון שבת צופרי, וואס היות ס'איז אזא ווערדפולע זמן האט מען עס באהאלטן אין א שלאף... דאס מיינט, מיר טרעפן אין די פוסקים אז שבת פירט מען זיך צו דאווענען אביסל שפעטער ווי געווענליך, און מ'קען עס אפלערנען אויבערפלעכליך אז מ'לאזט שלאפן אביסל מער, ווען אין אמת'ן האט מען באהאלטן דעם טייערן אוצר פון שבת צופרי דערין... מ'דארף כאפן אז ווען מ'לאזט אונז שלאפן, מיינט עס אז מ'באהאלט עפעס אויס פון אונז...

**אברהם יצחק:** אזויווי עלטערן שיקן אריין די קינדער אין בעט ווען זיי דארפן זיך עפעס דורכרעדן...

**משפיע:** פונקט אזוי. ס'איז דא געוויסע הארות וואס ווערן נתגלה דווקא דעמאלטס, ס'איז דא געוויסע סודות'דיגע 'דיבורים' וואס נאר די נשמה קען דעמאלטס הערן, און השי"ת וויל אז דער מענטש זאל האבן שכל עס אויפצוזוכן. פארוואס? ווייל די הארות זענען געאייגנט דווקא פאר אזעלכע וואס זענען גרייט אויפצוגעבן דעם תענוג פון שלאף דערפאר.

ס'איז א כלל גדול: ווען דער אויבערשטער האט א ספעציעלע מתנה פאר אונז, פארלאנגט ער פון אונז זיך אנצושטרענגען דערפאר, וויבאלד ס'איז אזא טייערע מתנה, אז דער מקבל מוז ווייזן אז ער איז אינטערעסירט עס צו באקומען. דעריבער האט מען עס פארדעקט מיט א שלייער פון מער שלאף, אזוי אז פון איין זייט קענסטו שלאפן לענגער און נאך מיט א גוטע געפיל, אבער פון די זייט וויל מען אז מיר זאלן פארשטיין אז דא באהאלט זיך אן אוצר וואס איז געאייגנט פאר אזעלכע וואס שטרענגען זיך אן און ווילן עס מיט אן אמת.

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**"יְדֵי שֶׁנִּמְצָא אֵיזֶה הַנְהָגָה וּמִדָּה טוֹבָה בָּאָדָם, עַל יְדֵי זֶה יוּכַל לְתַקֵּן כָּל מִדּוֹתָיו לִנְקֻדָּה זוֹ".** אט די פינטעלע גוטס וואס דו טרעפסט ביי דיר, איז פשוט אן אויסדרוק פונעם 'חלק אלוק ממעל' וואס ליגט אין דיר. דעריבער איז דיין עיקר אויפגאבע, צו נעמען אט דאס ביסל, און עס אויפבויען. ווייל דאס איז דאך בעצם אלעמאל דיין תפקיד אויף דער וועלט, ארויסצוברענגען דאס גוטס. דיינע אלע טעגליכע נסיונות זענען דאך אויך נישטא פאר קיין אנדערע סיבה ווי דאס אז דו זאלסט זיך שטארקן אויף זיי, און דורכדעם וועט ארויסשטארן די געטליכע נקודה וואס ליגט אין דיר.

דער תמצית פון דעם שפת אמת איז דריי נקודות:

**א.** דער רצון וואס א מענטש האט - אלעס צו פאררעכטן, שטאמט פון א מענטשליכער קוק ווינקל, וואס לויט דעם דארף דער מענטש זיין א גרויסער מוצלח און שלימות'דיגער צדיק. אבער פונעם אויבערשטנ'ס בליק כביכול, דארפסטו נישט זיין קיין 'מושלם' - בלויז דיין 'חלק אלוק ממעל' דארף זיין 'מושלם'! און דערפאר טאקע האט מען דיר געגעבן 'רע', כדי דו זאלסט קענען ארויסברענגען דיין ליכטיגקייט.

**ב.** מען קען נישט מסדר זיין די זאך איינמאל פאר אלעמאל... מען מוז זיך יעדן טאג מוטשען מיט אנדערע נסיונות און שוועריקייטן, ווייל דווקא דורכן 'התגברות' אויפן 'רע' ווערט דער 'טוב' שטארק! יעדן טאג איז פארהאן פרישע גילוים פונעם 'חלק אלוק ממעל' - לויט די שוועריקייטן וואס מען צוברעכט אין יענעם טאג! און אט דער גילוי פון דער אידישער נשמה, איז בעצם א גילוי פונעם מלכות שמים אויף דער וועלט, ביז ווען די גאנצע וועלט וועט ווערן א דירה פארן אויבערשטן.

**ג.** דער ציל פון בריאת העולם איז דאס אויסדערוועלטע פאלק. און בפרטיות ביי יעדן איד - זיין אויסדערוועלטע נקודה, וואס דאס איז זיין 'חלק אלוק ממעל', זיין שייכות מיטן אויבערשטן. אלץ וואס נעמט ארום די דאזיגע אויסדערוועלטע נקודה, איז נאר מיטן ציל ארויסצוברענגען אט דער נקודה! און דעריבער איז די אויפגאבע פונעם איד צו פארגרעסערן און פארשטארקערן דעם קשר צום אויבערשטן וואס ער האט שוין אין זיך, און דעמאלט וועט ער שוין אנקומען צום שלימות.

נאכן אפלערנען גרינטליך די ווערטער פונעם 'שפת אמת', איז שוין לייכטער פאר געצל צו פארשטיין, אז אנשטאט זיין פארנומען מיט פאררעכטן די פראבלעמען, זאל ער ענדערש זיין פארנומען צו טרעפן וואו ער איז יא גוט, עס אויפבויען און פארשפרייטן, ביז דאס גוטס וועט אים אינגאנצן איבערנעמען.

**אברהם יצחק:** דער משפיע צינדט אלץ מער אן מיין נייגער, וואס איז די קדושה יתירה פון שבת צופרי? וואספארא 'סודות דיבורים' קען די נשמה דעמאלטס הערן...?

## א צייט ווען השי"ת דערנענטערט זיך צו אונז

**משפיע:** ביסט געגרעכט, אבער לאמיר נאר מאכן א קורצע הקדמה אויף די חשיבות וואס שבת צופרי איז מער ווי שבת ביינאכט. ס'איז מבואר אין ספרים, אז שבת איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי חלקים וואס ווערן געווענליך אנגערופן 'אתערותא דלתתא' און 'אתערותא דלעילא'. פונקט ווי יעדע קשר צווישן צוויי פארמאגט א 'מקבל' און א 'משפיע', אזוי אויך איז דער סדר פון קדושת שבת: ליל שבת איז א זמן ווען ס'ווערט נתעורר א תשוקה כלפי מעלה אין נשמות ישראל און די בריאה בכלליות, די גאנצע בריאה דערהייבט זיך פון דעם וואכעדיגן מצב פון ימי החול, צו א מצב פון קדושה און שבת. אבער דאס איז בלויז א הכנה צו די גרעסערע הארה פון יום השבת, וואס דעמאלטס שיינט אן 'אתערותא דלעילא', ווען השי"ת אליינס טוט זיך כביכול ווענדן פון אויבן צו די בריאה און בפרט צו די אידן, און דער 'קול השם' הילכט אפ אין נשמות ישראל מיט א דעם 'הארת פנים' וואס אידן האבן געהאט ביי קבלת התורה. צוליב דעם איז דעמאלטס א זמן מסוגל אויף לימוד תורה הק', וויבאלד דעמאלטס ווערט נתעורר א בחינה פון 'קבלת התורה' און א זמן וואס איז מסוגל פאר די נשמה צו מקבל זיין קדושת התורה אין זיך.

**אברהם יצחק:** הייסט אז ליל שבת דערנענטערן זיך אידן צום אויבערשטן, און שבת צופרי דערנענטערט זיך דער אויבערשטער צו אידן.

**משפיע:** יא פונקט אזוי. און דאס איז דער אוצר פון וואס מיר רעדן, ס'איז די גרעסטע אוצר וואס איז שייך. ווייל די אמת'דיגסטע, מושלם'דיגסטע תענוג פון די נשמה איז, ווען זי שפירט בחוש דעם מציאות ה' אין זיך. דאס איז ממש דעם טעם פון גן עדן העליון וואו נשמות זענען נהנה פונעם זיו השכינה, און שבת צופרי קען א איד זוכה זיין צו אביסל שפירן די וואונדערליכע הרגשה, ווען דער אור ה' שיינט דעמאלטס מיט א התגלות וואס איז נישטא א גאנצע וואך. דאס איז אן אוצר וואס ס'איז נישטא איר גלייכן, און דאס אליינס איז די הכנה צום שבת'דיגן דאווענען, וויבאלד די הארה באגלייט אונז במשך דעם גאנצן דאווענען פון שבת צופרי, און דאס אלעס ליגט אינעם מושג פון 'שבת פארן דאווענען'.

**אברהם יצחק:** וואס האלט דער משפיע למעשה איז גוט צו טון דעמאלטס? לערנען גמרא, חסידות אדער זאגן תהלים?

**משפיע:** למעשה מאכט נישט אזויפיל אויס וואס מ'לערנט, דער עיקר אז ס'זאל קומען פון א רצון און חשק זיך צו מדבק זיין צום אויבערשטן, פון א פארשטאנד אז דער זמן איז זייער מסוגל אויף דביקות און תענוג בה', און אז דער אויבערשטער טוט זיך יעצט מגלה זיין און רעדט צו נשמות ישראל, און מיט א רצון אריינצונעמען אין זיך די הייליגע אותיות התורה אין וואס השי"ת איז זיך כביכול מתלבש. ווען מ'גייט צו מיט אזא רצון, ווערט די נפש מורא'דיג דערהויבן און מ'איז זוכה זיך צו מתענג זיין מיטן אויבערשטן און איינצוקריצן אור קדושת ה' אין זיך.

פרעגסט וועלכע אותיות צו נעמען? ס'מאכט נישט אזוי אויס, צדיקים האבן טאקע געזאגט אז ס'איז דא א ספעציעלע ענין צו לערנען א בלאט גמרא פארן דאווענען, און דעריבער איז ראטזאם צו לערנען כאטש איין בלאט גמרא. אבער דער אמת איז אז יעדע אות התורה וואס מ'כאפט אריין איז א גרויסע פארדינסט! משניות, חסיד'ישע ספרים, אביסל זוהר הקדוש אדער קאפיטלעך תהלים. ס'ווענדט זיך אין דאס הארץ, 'אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים'.

**אברהם יצחק:** דער משפיע רעדט פון זאגן תהלים פארן דאווענען. כ'זעה טאקע ווי אסאך מענטשן זאגן דעמאלטס תהלים מיט אזא זיסקייט און חיות, אז ס'רייצט מיר אן...

**משפיע:** דער כלל אין עבודת ה' איז - מ'מאכט נישט נאך אנדערע! מ'האט גארנישט פון טון וואס אנדערע טוען. דער עיקר עבודה איז מעורר זיין דאס הארץ צום אויבערשטן, יעדער מיט דאס וואס איז מעורר זיין הארץ. ס'מאכט נישט פונקטליך אויס מיט וואס, דער עיקר 'שיכוין לבו לשמים', און מ'דארף טאקע אויפפאסן וואספארא זאך איז מעורר דאס הארץ, און זען וואס מ'קען טון כדי זיך צו מעורר זיין צו קדושת שבת.

אבער מ'דארף געדענקען, אז די נפש ווערט נישט נתעורר תוך כדי דיבור, צומאל נעמט עס צייט ביז די נפש ווערט נתעורר. דערפאר טאר מען זיך נישט 'שטופן' צו גלייך שפירן און זיך מתעורר זיין, נאר מ'דארף נעמען עפעס וואס צינדט אן דיין הארץ און טון אין דעם פאר א שטיקל צייט, ביז די פייער וועט זיך ענדע אויפפלאקערן אין הארץ און די ריכטיגע אור השבת וועט ארייינשיינען אין יעדן מקום אין נפש.

**אברהם יצחק:** א גרויסן יישר כח!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'אין מעבירין על המצוות' בשעת'ן מקיים זיין מצוות, זאל מען נישט געדענקען די עבירות, ווייל עס איז א עצת היצר.**

**הרה"ק ה'תפארת שלמה' זי"ע (ואתחנן, ד"ה וגם צריך)**



# אמת'ע אהבת ה'

דער טיטל 'עם הארץ' וואלט געווען א קאמפלימענט פאר אים, ער איז געווען אסאך ווייניגער פון דעם. דער יונגערמאן קען גארנישט, אבער ממש גארנישט. ער ווייסט נישט וואס מיינט דאווענען, נישט קיין ברכות, ניטאמאל די א-ב. ווי געזאגט, ער קען 'ממש' גארנישט.

וואס זאל זיין שווער נעבעך טון? ר' זעליג בער, דער וואסער-טרעגער פון שטאט סלאנים, וואס איז אזוי אריינגעפאלן מיט אזא 'תכשיט' אין האנט אריין? דער 'בחור המופלג' וואס האט נארוואס חתונה געהאט מיט זיין 'בת המהוללה' האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אזא אומוויסנדער פארשוין, וואס סלאנים האט נאכנישט געזען אזוינס. ער ווייסט גארנישט אין אידישקייט.

ווי אן ערליכער איד וואס גלייבט און לעבט מיט השגחה פרטית, ר' זעליג בער רעדט זיך נישט אפ. אין א געלאסענע מינוט זעצט ער זיך אוועק, קלויבט צוזאם זיינע מחשבות און טראכט תכלית וואס קען מען ראטעווען אויף להבא. ער באשליסט אז ער וועט זיך מוזן צוזאמזעצן מיט זיין 'טשאטשקע פון אן איידעם', און אים אלעס אויסלערנען פון אנהייב.

צוערשט לערנט ער אים וואס מיינט א צורת אות. 'דאס איז אן א', און אזוי איז א קמץ'. זאל ער כאטש וויסן וויאזוי צו מאכן א ברכה אויף א מאכל, און וויאזוי מ'דאווענט.

ענדליך, דער איידעם איז באהאוונט אין די א-ב, ער קען אפילו נקודות. יעצט זעצט ר' זעליג בער פאר מיטן אים אויסלערנען דעם פסוק - וואס איז איינגעקריצט אין יעדע אידישע נשמה, און יעדער איד דארף עס זאגן צוויי מאל א טאג. מ'גייט לערנען 'שמע ישראל'.

„פשט פון דעם פסוק איז”, הייבט ר' זעליג בער שטאטעליך אן צו מסביר זיין, „דער אויבערשטער איז דער איינציגער באשעפער פון די גאנצע וועלט, און ער געוועלטיגט און פירט אלע אויבערשטע וועלטן און אונטערשטע וועלטן”.

דער חתן שאקלט זיין קאפ מיט פארשטאנד, ער חזר'ט איבער און קריצט איין דעם פסוק אין זיין קאפ, און ר' זעליג בער גייט ווייטער אין די ערשטע פרשה. „ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך”, ער קוקט אים אין די אויגן, און הייבט אים אן ערקלערן, „דער אויבערשטער, דאס מיינט דער ג-ט וואס געוועלטיגט אויבן און אונטן, האט אונז באפוילן אז מיר זאלן אים ליב האבן מיט אונזער גאנצע הארץ, יא?”

דער חתן צעעפנט ברייט זיינע אויגן מיט וואונדער.

„מיינסט עס ערנסט?”, קען ער זיך נישט גענוג אפוואונדערן, „אט דער גרויסער, מעכטיגער באשעפער, וואס געוועלטיגט אויף אלע אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, וואס די גאנצע וועלט געהערט צו אים - וויל אז מיר, קליינע נישטיגע מענטשעלעך זאלן אים ליב האבן?! ס'קען דאך נישט זיין!”.

„יא, יא”, ענטפערט ר' זעליג בער מיט א ליכטיגן בליק, „דאס וויל דער אויבערשטער פון אונז, מיין טייערער איידעם. דער באשעפער וויל אז מיר זאלן אים ליב האבן!”

דער חתן זיצט געפלעפט, זיין צונג פארכאפט. „אבער... אבער ס'קען נישט זיין”, קומט אים ארויס צוהאקטע זאצן, „וויאזוי איז דאס מעגליך?”

„אבער דאס איז דער מציאות!”, ערקלערט ר' זעליג בער מיט א קלארקייט, „דאס שטייט דא אין דעם פסוק, וואס דער אויבערשטער האט אונז געשריבן”.

„אבער כ'קען... איך קען עס נישט פארשטיין”, זאגט דער איידעם אנטשלאסן.

א געדאנק בליצט אויף ביי ר' זעליג בער אין קאפ. „ווייסטו וואס?”, געבט ער א ווארעמע קלאפ פאר זיין איידעם אויפן פלייצע, „דא אין שטאט האבן מיר דאך דעם רבי'ן. לאמיר אים גיין פרעגן און הערן וואס ער זאגט. וואס ער וועט זאגן וועלן מיר אננעמען!”.

דער חתן האט גערן מסכים געווען, און שווער און איידעם שפאצירן צוזאמען צום 'דין-תורה' ביים רבי'ן.

„יא, דער שווער איז גערעכט”, ווענדט זיך דער הייליגער 'דברי שמואל' פון סלאנים זי"ע צו די צוויי, „מיר זענען אנגעזאגט צו ליב האבן דעם אויבערשטן מיט אונזער גאנצע הארץ און לעבן. דאס האט אונז די תורה באפוילן: ליב האבן דעם באשעפער מיט אונזער גאנצע הארץ, מער ווי דעם אייגענעם לעבן!”.

דער חתן איז ערשטוינט, ער נעמט אן דעם רבי'נס ווערטער, און פרובירט פארדייען אין זיין מח דער אומבאגרייפליכער אמת וואס ער האט געהערט.

מיטאמאל, געבט זיך דער חתן א וועק אויף, אינגאנצן איבערגענומען, און ער שרייט פון הארצן טיפן: **„אויב אזוי אז ס'איז ריכטיג אז דער אויבערשטער האט אונז טאקע באפוילן אים צו ליב האבן, מוז זיין אז ס'איז וויבאלד ער האט אונז ליב!”.**

**„און ס'מוז זיין”**, לייגט דער חתן פאר א קל-וחומר וואס מען קען נישט אפפרעגן, **„אז ער האט אונז ליב מיט אן אויסטערליש שטארקע ליבשאפט, און טאקע צוליב דעם וויל ער אז אויך מיר זאלן אים ליב האבן - פונקט ווי ער האט אונז ליב!”.**

און דאן פירט ער אויס טופענדיג מיט די פיס צוקאכט: **„און אויב ער האט מיר אזוי שטארק ליב - האב איך אים טאקע ליב...”.**

„דאס”, האט דער הייליגער 'דברי שמואל' וואס האט דאס אלעס צוגעזען, געזאגט, „איז די אמת'ע מדריגה פון אהבת ה'.”

מקור: מאמר מרדכי

# נייגעריגקייט (ב)

## נייגער איז שלעכט אויך מצד דעם מענטשליכן שכל? און וויאזוי גייט מען ארויס דערפון?

אצינד לאמיר זיך באנעמען צו עטליכע פראגעס וואס מאכן זיך ווען מ'טוט דורך די נושא פון 'נייגער'.

## נייגער שאדט אין יעדן היזיכט - אויך אין גשמיות

איז עפעס נישט גוט אין 'סקרנות' לויט דעם מענטשליכן שכל? אויף דעם ארויף, לאמיר אויסרעכענען אפאר נקודות, וואס אפילו א גוי קען פארשטיין און אנערקענען.

**עס צוטיילט זיך אויף צוויי חלקים:** דער עצם נייגער און אינטערעס וואס מ'האט **בשעת מעשה** אין סיי וועלכע זאך, ווי נאר מ'האט געהערט / געזען / געטראכט דערוועגן, ווי אויך **לאחר המעשה**, ווען מ'גייט אריין אין אן ענדלאזע געיעג צו משלים זיין און צולייגן ידיעות דערצו.ביידע נקודות זענען אפגעפרעגט, אפילו פון א מענטשליכן זין.

**בשעת מעשה - די נייגעריגקייט נעמט פשוט אראפ פון זינען.** מ'דרייט זיך נאכאנאנד ארום, געשפאנט אראפצוכאפן, זען, שמעקן און זאמלען אלע ידיעות און פאקטן. דאס איז די סיבה פארוואס עס איז אין אונזער דור אן אויפשטייג פון דעם צאל מענטשן געפלאגט מיט 'פיזור הנפש', אומקאנצענטראציע, צעשטערטע שלוות הנפש פחדים און איבערגעטריבענע אנגסט. פארוואס זאל נישט זיין אזוי? היינט דארף יעדער בחור זיין מער באהאוונט ווי א פרעזידענט פון הונדערט יאר צוריק האט געדארפט זיין. א גאנצן טאג דרייט זיך זיין קאפ צווישן אלע שטותים און נארישקייטן וואס קומען נישט צו קיין ענדע - וויאזוי זאל ער זיין קאנצענטרירט? ערוואקסן? רואיג?

**און דאס איז נישט נאר א חסרון אין שלוות הנפש, ס'איז אויך א שטארקער אורזאך צו פירוד לבבות.** יעדער מענטש וואס שפאצירט אדורך אונזער בליק ווערט גלייך פאטאגראפירט און אריינגעפירט אין אן אויספארשונג צימער וואו מ'וויל וויסן ווען ער איז געבוירן און וויאזוי ער גייט שטארבן, ווער זענען זיינע עלטערן און וואס זענען זיינע שוואכקייטן, פארוואס האט ער געטון אזוי און וויאזוי ער גייט חרטה האבן דערויף... דער מענטש שטייט און שאצט, פרובירט געוואויר ווערן, נעמט מסקנות, רעכנט אומצאליגע חשבונות, פאר'משפט און גיבט ארויס דעם פסק דין... און דאס געשעט כמעט אינגאנצן אן קאנטראל. די רעזולטאטן זענען זייער ביטער - אפילו פאר מ'הייבט אן רעדן דערוועגן מיט א אידישע בליק.

און **לאחר המעשה** - ווען מיר האבן געהערט פון אזא צי אזא געשעעניש, און מיר לאזן זיך ארויס אין אן ענדלאזע געיעג צוזאמצוקלויבן וואס נאך א שטיקל ידיעה איבער יענע געשעעניש - טוט דאס אונז מורא'דיג ערשעפן און פירט אונז אריין אין א שרעקליכע און איבעריגע גייסטישע אנגעצויגנקייט, עס פארברענט אונז אן א שיעור כח און צייט.

דערצו, ווען א מענטש איז 'מלא וגדוש' מיט שטותים און לאקשן, בלייבט מער נישט קיין פלאץ אין מח פאר אמת'ע זאכן... און אויב דאס איז נישט גענוג, געוואוינט ער זיך איין צו האבן אן אויבערפלעכליכע מהלך המחשבה, און ס'ברענגט אים צו לעבן ארום פלאכע, ווערדלאזע זאכן. וויבאלד רובו-ככולו פון אלע ידיעות און נייעסלעך זענען שטחיות'דיגע, פלאטשיגע, הוילע זאכן וואס טראגן נישט קיין שום ווערד. און אזוי געוואוינט זיך דער מענטש איין צו לעבן און טראכטן שטחיות'דיג און אויבערפלעכליך.

**נאך א נקודה:** איז דיר איינמאל אויסגעקומען זיך צו אינטערעסירן אין א נייעס וואס איז געשען צוויי וואכן צוריק? די תשובה איז קלאר. אויב אזוי קומט אויס, אז יעצט אינטערעסירסטו זיך אין עפעס וואס הייבט דיר נישט אן צו עכט אינטערעסירן! ביז צוויי וואכן גייסטו זיך שעמען אז דו האסט בכלל גערעדט דערוועגן... אדער צום ביישפיל, באטראכט די מורא'דיגע וויכטיגקייט געוואויר צו ווערן ווער פונקטליך האט דיר געקלינגען - בשעת רוב טעלפאון-קאלס וואס דו קלינגסט צוריק זענען בכלל נישט אינטערעסאנט. אין אנדערע ווערטער: נייגער פארברענט אונז צייט, כח, שכל און וואס נישט.

##ביידע עצות - סיי 'קבלת עול' און סיי וויסן אז נייגער שאדט

**וועסטו פרעגן: אויב אזוי, פארוואס האבן מיר גערעדט אז דער עיקר לעזונג אויף מידת הסקרנות איז 'קבלת עול', און פארשטיין אז מ'איז א חלק אלוק ממעל און איבערגעגעבן פארן אויבערשטן?**
תשובה: ווילאנג דער פארמעסט מיטן נייגער איז בלויז ביי די פרטית'דיגע תוצאות וואס אויך דער מענטשליכער שכל קען פארשטיין - איז עס זייער שווער. ווייל למעשה קומט אויס אז דו האסט בלויז 'נישט' קאליע געמאכט. האסט טאקע אוועקגערוימט די שטערונגען, אבער האסט דא נישט געטון קיין שום 'פאזיטיווע' זאך - און מ'קען נישט האבן קיין תענוג און חיות פון אזא פעולה. און דערצו, ביסטו פארבליבן מיט טויזנטער אנדערע סיטואציעס פון נייגער, וואס יעדע איינע איז א פרישע פארמעסט.

אבער ווען דו גייסט אריין אין 'קבלת עול', זיך צו פארבונדן מיטן אויבערשטן - טוסטו פשוט טוישן דעם ריכטונג! ווייל ווי געזאגט, דער שורש פון דער מידה איז 'פריקת עול', און דערפאר ווען דו לעבסט דיין אמת'ע מציאות פון זיין דבוק צו השי"ת און מקבל זיין עול מלכות שמים, לייגסטו אריין דיין נייגער אין תורה ומצוות און אלעס וואס דערנענטערט דיר צו השי"ת, אנשטאט אלע אנדערע זאכן. ערשט דעמאלטס ווערט עס א 'פאזיטיווע' עבודה, ווי אויך שטעלט עס דיר מער נישט אויס צו טויזנטער אנדערע סיטואציעס פון סקרנות מיט וואס דו דארפסט זיך ספראווען. דו האסט פשוט געטוישט דעם ריכטונג - דו ביסט נייגעריג אין אנדערע זאכן.

**אבער דאס איז פארט ריכטיג,** אז מ'דארף אויך זיין באהאוונט אין די שעדליכע רעזולטאטן פון סקרנות אויך מצד דעם שכל האנושי. פארוואס? ווייל צומאל פארהאקט זיך דער מענטש אין א פרטית'דיגע שוועריקייט, מיט עפעס א ידיעה וואס ער 'מוז' וויסן, אבער אויב ער וועט וויסן אז אפילו שכל'דיג איז דאס א שעדליכע זאך - וועט אים זיין גרינגער זיך צו מתגבר זיין און נישט צוגיין צו די 'קופקע'... אזוי אויך די 'קבלת עול' אליינס ווערט אסאך גרינטליכער! ווייל ווען מ'פארשטייט אז זיך דערווייטערן פון השי"ת שאדט אויך בגשמיות, ווערט מען מער מחובר דערצו.

## האסט עפעס אן עצה פאר מיר?

יעצט לאמיר זיך נעמען די איינס פון די מערסט געפרעגטע שאלות: **למעשה, וויאזוי גייט מען ארויס דערפון?** איז אזוי:

**א. שטעל זיך אפ און טראכט.** יעדעס מאל דו הייבסט אן נאכלויפן סיי וועלכע ידיעה - וואס איז נעכטן געשען און ווער האט אייער-נעכטן גערעדט - שטעל זיך אפ, און טראכט איבער איינס פון די נקודות וואס מ'האט דערמאנט אויבן און אויך פאריגע וואך. **לאמיר עס מסכם זיין: מצד דעם מענטשליכן שכל** - סקרנות ברענגט דיר פיזור הנפש און אומקאנצענטראציע, ס'ברענגט פירוד לבבות און לשה"ר, עס בא'גנב'עט דיר ענדלאזע צייט און כח, ס'מאכט דיר 'פלאך' און שטחיות'דיג, ס'פילט דיר אן מיט שטותים אן איבערלאזן פלאץ פאר אינהאלטפולע זאכן.

**מצד די נקודה הפנימית** - סקרנות איז א נטיה פון פריקת עול, דורכברעכן גרעניצן און אויסשפרייטן די 'ישות'. ס'איז די גרעסטע סתירה מיט דיין אמת'ע מציאות - א חלק אלוק ממעל וועמענ'ס טיפסטע רצון איז ריינע נייגער, נעמליך, 'פורק עול' זיין פון עולם הזה און דורכברעכן גשמיות'דיגע גבולות, אויסשפרייטן די נשמה, איינעמען נאך מקצועות התורה און מדריגות אין עבודה, און זיך מדבק זיין צום בורא עולם העכער יעדע מאס און גבול.

**ב. זיי 'באלעבאס'.** דא דארף מען פארשטיין: ס'איז זייער שווער צו פטור ווערן פון סקרנות! די אויבנדערמאנטע מחשבות זענען נישט גענוג, וויבאלד ס'איז ממש אזוי זיך ערהוילן פון א 'אדיקציע' (עדיקשן) וואס א מענטש איז ווי 'פארקויפט' און דארף פול מאל פשוט א דאקטער... **און די סיבה איז,** ווייל די מהות פון 'אדיקציע' איז: כאטש דער מענטש ווייסט אז **מצד דעם שכל** גייט ער אסאך פארדינען פון נישט רייכערן - אבער **מצד זיין רגש** שפירט ער אז ס'איז אים גוט צו רייכערן. ווען ער מאכט א פשוט'ע חשבון ווייסט ער אז ער מאכט א טעות, אבער ער **שפירט** אנדערש. דעריבער העלפט נישט די אלע מחשבות, וויבאלד א נייגעריגער מענטש **שפירט** אנדערש.

**וואס איז זיין עצה?** וויסן דאס אליינס אז ער איז פארדרייט, זיין רגש שטעלט נישט פאר זיין אמת'ע מיינונג. דעם קומענדיגן מאל וואס זיין רגש וועט אים וועלן איבערנעמען, וועט ער עס גלייך אנכאפן און זאגן: איך פארשטיי אז דו ווילסט איבערנעמען קאנטראל אויף מיר, אבער כ'ווייס אז באמת וויל איך נישט דאס, כ'ווער בלויז נאכגעשלעפט נאך דיר. און דערפאר **וויל איך נישט ווערן נאכגעשלעפט, איך בין בעל הבית.** למעשה, דער תענוג פון זיין באלעבאס, א מענטש, איז די איינציגסטע כח וואס קען ארויסציען פון די מחלה פון 'אדיקציע', וואס איז ריכטיגע 'בהמה'ישע' נאכגעשלעפטקייט.

**ג. זיי פארנומען מיט וואס דו טוסט, און נישט מיט אלעס ארום.** איינס פון די אורזאכן און אויסדריקן פון נייגער איז, אן אומקאנצענטראציע און ישוב הדעת אין וואס מ'טוט. א מענטש גייט אריין דאווענען און דערווייל טראכט ער פון די נאכפאלגנדע לערנען. ער לערנט און טראכט פון די שפעטערדיגע חסד אקציע. אזוי ארום דארף ער זיך אויך אינטערעסירן אין יעדער וואס וואנדערט אריין אין צימער און אלעס וואס טוט זיך אפ איבער די וועלט. די לעזונג: האלט זיך פארנומען מיט וואס דו טוסט, און נאר דאס.

## נייגער - ווען יא און ווען נישט

**און וואס איז מיט 'פאזיטיווע' נייגער? ס'טיילט זיך אין אין דריי:**

ווי ערקלערט, די סיבה פארוואס השי"ת האט באשאפן נייגער איז, פאר התפשטות און דורכברעכן גבולות - דאס מיינט, דער צורך אויסצושפרייטן די נשמה. טון א טובה פאר א איד, דאווענען מיט א טיפערע מדריגה, לערנען נאך א מקצוע בתורה, גרינטליכער אויסאיידלען די מידות. און די תועלת פון סקרנות, אויסער דעם וואס ס'דעקט אויף נייע כוחות און גרעסערע דערגרייכונגען אין דיר, איז דאס אז ס'טוט דיר אויך **באהעפטן** צו עבודת ה'. אזויווי א הונגעריגער מענטש, פאר וועמען די עסן איז אסאך מער בא'טעמ'ט.

ביז דא איז די **ערשטע** סקרנות, וואס איז א גרויסע מעלה און איז כדאי זיך אריינצוווארפן דערין. די **צווייטע** סקרנות איז לגבי די ידיעות וואס מיר 'ברויכן' וויסן, צומאל פאר צרכי מסחר, אדער אנדערע וועלטליכע אנגעלעגנהייטן וואס זענען אונז נוגע, די באנק, הויזווארג און מקוה-געשעפט... ווען ס'קומט צו דעם נייגער, דארף מען זיך באציען דערצו אזויווי ס'רעדט זיך פון ארייגלייגן דעם בענדל אינעם לאך פון שיך... דהיינו: פונקט ווי קיינער געבט נישט קיין גרויסע חשיבות צו זיינע אויסגעצייכנטע קענטעניסן אין ריכטיג אריינציען דעם בענדל אין לאך - אזוי אויך דארף מען נישט האלטן קיין גרויסע חשיבות פאר די 'געהיימע סודות' איבער די באנק. ס'מאכט אויס אין כמות און איכות. אין כמות - מ'אינטערעסירט זיך נישט קיין סאך אין שיך בענדל - נייעס. אין איכות - די נפש 'געפינט' זיך נישט אין דער ידיעה. ס'איז א צופעליגע, טעכנישע זאך - אבער ס'איז נישט דיין 'מהות'.

**די דריטע סקרנות:** זיך אפצורוען און שעפן כוחות. ס'איז דא א מצב ווען מ'דארף זיך אויסלופטערן און ליינען אדער הערן עפעס, און אזוי האבן כח פארצוזעצן עבודת ה'. דעמאלטס איז עס בכלל 'כל מעשיך יהיו לשם שמים', אבער זעלבסט-פארשטענדליך אז אויך דאס איז בלויז א מיטל פאר עבודת ה', און דעריבער איז עס פונקט ווי די דערמאנטע שיך-בענדלעך, אדער וויניגער פון דעם. דער מענטש אינוועסטירט נישט קיין צייט און כח דערין (שוין אפגערעדט אז ער איז פארזיכטיג נישט נכשל ווערן אין אן איסור, היות די גאנצע מטרה איז לשם שמים).

מיט הצלחה אין סייעתא דשמיא!

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483